# כ'וועל צוגיין...

כ'וועל צוגיין און עפענען וועמענס א טיר
און זאגן צום שכן: גאט העלף, איך בין דא.
איך ווייס, אז באהאלטן געהיים טיף אין זיך
ווארט יעדער אויף עפעס א ליכטיקער שעה.

ס'איז דא אזא ברכה, ס'איז דא אזא ליד
וואס ליכטיקט אריין אין א מענטשן און בענטשט.
נאר א בייסיקע רוט האט פארשמיסן צום טויט
די נאענטקייט, וואס היימישט א מענטש מיט א מענטש.

גרזיסט זיך די טומאה. פון אונטערן בייז
גייט-אויף דאס געזויין פון פארוואגלטע טרים.
איך גיי דא ארום גאס-איין און גאס-אוים —
אן איבערגעבליבענער ייד.

צו אלץ און צו יעדן באזונדערן ארט,
איך זאג א פארבענקטער: גאט העלף, איך בין דא.
דער ווינט יאגט פאנאנדער דאס היימישע ווארט
און ווייט איז פארבארגן די ליכטיקע שעה.